בס"ד

טעגליכע בלעטל לעיקוואד אומעגעגנט

# לוח הציבור לעיקוואד

Call/Text: **732.696.4300** Email: **ads@lakewooddaily.com**

Subscribe to get it via email: **subscribe@lakewooddaily.com**

**Friday Aug. 28, 2026** | **ערש"ק פרשת כי תבוא - ט"ו אלול תשפ"ו**

## זמנים

הזמנים הם לעיר לעיקוואד

| | היום | מחר |
|---|---|---|
| עלות השחר: | 5:08 | 5:09 |
| נץ החמה: | 6:20 | 6:21 |
| סו"ז קר"ש מג"א: | 9:03 | 9:03 |
| סו"ז קר"ש גר"א: | 9:39 | 9:39 |
| סו"ז תפלה מג"א: | 10:21 | 10:21 |
| סו"ז תפלה גר"א: | 10:45 | 10:45 |
| חצות: | 12:57 | 12:57 |
| מנחה גדולה: | 1:36 | 1:36 |
| מנחה קטנה: | 5:31 | 5:30 |
| שקיעה: | 7:34 | 7:32 |
| צאה"כ ר"ת: | 8:46 | 8:44 |

## שיעורים

| | |
|---|---|
| דף היומי | חולין קכ |
| עמוד יומי | יומא סב: |
| דף הירושלמי | שבועות ב |
| משנה יומית | כלים כז, ו-ז |
| הלכה יומית | או"ח רנד, ז-ט |
| תהלים | עז-עח / עא-עה |
| מ"ב עמוד יומי | ח"ו צ. |
| מ"ב - דרשו | חזרה |
| מצוה יומית | כד. שנאמין בהשי"ת |
| תניא | יד. לעורר - ר"ה ור"ה |

## וועטער

**היינט** 80°- 67° רעגן נאכמיטאג

**מארגן** 83°- 63° טיילווייז זוניג

## זמני שבת

**שב"ק פרשת כי תבוא - ט"ז אלול תשפ"ו - אבות פ' ג-ד**

זמן הדלה"נ 7:16 | זמן מוצאי שבת 8:45


COSTUM DESIGN IS OUR SPECIALTY
- WE HAVE A FULL SELECTION OF DIAMOND BRACELETS AND RINGS
- WE COME DOWN TO YOUR HOUSE
- WE ALSO DO REPAIRS AND CLEANING

OMEGA
FINE JEWELRY

M. RUBIN
347-681-0285

Got a Ticket?
Call
THE TICKET FIGHTER
We Fight
Parking •
Moving •
& Criminal •
Violations
Ez Pass •
Call
718-954-4295
917-957-7545
TRAFFIC VIOLATIONS
We do personal injuries

בשורה משמחת לשומעי לקחי
הרה"ג ר' שמעון גערטנער שליט"א
אלע "ליינס" עצה ותושיה, בחורים, כיבוד אב ואם, קדושת עיניים, און חיים שיש בהם.
זענען יעצט בס"ד
איבערגעמאכט און איבערגעפרישט
געווארן אלס איין פלאטפארמע
וואו מען קען פרעגן יעדע שאלה אין עבודת השם,
און הערן מורא'דיגע
קורצע תשובות,
שיעורים און חיזוק.
שמעו ותחי נפשכם!
845.414.8041
נתפרסם ע"י שומעי לקחו

ראש השנה אין ארץ ישראל!
דירעקט פלייטס פאר ספעציעלע פרייזן
ספעציעלע פרייזן אויך אויף יו"כ סוכות
FLYelite
Luxury flights. Priced right.
212.366.5200x220
SALES@FLYELITEINC.COM

# שמחות

טעגליכע שמחה דערמאנונגען

צו מעלדן אייער שמחה ביטע רופט:
**732.696.4300**

**מזל טוב! א שמחה אין לעיקוואוד?**

דערמאָנט אייערע באַקאַנטע דורך עס מעלדן דאָ אינעם טעגליכן "לוח הציבור".

## שידוכים

החתן **נפתלי** נ"י
בן מוה"ר **יעקב איצקאוויטש** הי"ו
ווימס"ב

הכלה שתחי'
בת מוה"ר **בערל שפיטצער** הי"ו
בארא פארק

## שלום זכר

ר' **שמואל לעפקאוויטש** הי"ו
בן מוה"ר יואל נחמי' הי"ו | חתן מוה"ר אברהם אליעזר ליכטער הי"ו

בביהמ"ד **אוהב ישראל אפטא**
.101-Havens Ave


**Remove Negative Accounts From Your Credit Report.**
**All 3 Bureaus. Boost Your Credit Score Fast.**
**Call/Text/WhatsApp 845-325-2324**

**Insurance alert!**
**Cheapest insurance rates for 1-4 family houses**
**718 871 1549 Ext. 210** **9294598484**

Yafe Jewelers @ Ten Ten watches
Unique Jewelry collection, Jewelry repair and restoration
1135 E. Veterans highway, Liberty commons plaza 718.415.6926
jewlery repair restoration custom design

צוריק קיין ארץ ישראל צום נייעם זמן!
כאפט אריין די ספעציעלע פרייזן!
Israeli Airline
2 Suitcases
FLYelite
Luxury flights. Priced right.
212.366.5200x220
SALES@FLYELITEINC.COM


**Emergency Numbers**

Police & Fire 911

Hatzalah - הצלה
**732.370.3600**

Shomrim שומרים
732.**367.1212**

Chaveirim - חברים
732.**370.2229**

**Boro Park**
718.303.4300
**Monsey**
845.425.4300

לוח הציבור

# כ'געב אים נישט קיין raise; ער בלייבט ממילא דאָ.

ער האָט צוגעלייגט value צו דיין ביזנעס? באַצאָל אים מער. דו וועסט פאַרדינען.

**Focus Institute** איז דער leader ווען עס קומט צו טרעפן דעם ריכטיגן מהלך פאַר אַ מסודר'דיגן טאָג, מאַכן געלט אין די changing ביזנעס-וועלט, און אָנקומען צו goals.

פילצאָליגע בראָוקערס, סעילסלייט, CPA'ס, אינשורענס אַגענטן, פאָנדרעיזערס און CEO'ס פון גרויסע קאָמפאַניס – דאַנקען דעם באַשעפער, אַז דורך זייערע סעסיעס ביי Focus, זענען זיי געוואָרן פראָדאָקטיוו און סוקסעספול, אויף אַ level וואָס זיי האָבן נישט גע'חלומ'ט.

בעסערע טיים מענעדזשמענט? פאַרגרעסערן די ביזנעס? Delegating איז פאַר מיר? מער מאָטיוואַציע? שטייגן העכער אין פאָזיציע? tasks ווערן נישט געמאַכט? צופיל זאַכן אויפ'ן קאָפּ? ס'איז אָקעי. בס"ד וועט Focus דאָס מסדר זיין.

## Free Business Advice!

**סיינט אייך אויף ביי focus@kewnet.com און באַקומט אונזערע פאָפולערע און פראַקטישע ביזנעס-אַרטיקלען, וועלכע וועלן אייך בס"ד העלפן וואַקסן און מאַכן מער געלט.**

focus INSTITUTE™ you'll get there.

**יצחק טעסלער**
Senior Consultant
**845.352.6556**
focus@kewnet.com

Goal Achievement / Time Management / Personal Growth / Business Consulting



# יארצייטן
## פון צדיקים און גאונים

### ט"ו אלול

תמ"ב — הג"ר **נפתלי** ב"ר **בנימין וואלף הירש** זצ"ל
אב"ד פינטשוב

תקי"ח — הג"ר **עקיבא** ב"ר **שמחה בונם איגר** זצ"ל
משנת ר' עקיבא

תקמ"ז — הג"ר **יעקב קאפיל חסיד** ב"ר **נחמי' פייוול** זצ"ל
מטיסמעניץ

תקנ"ד — הג"ר **חיים** ב"ר **יונה** זצ"ל
מווילנא

תר"א — הג"ר **מאיר** ב"ר **שמואל שמעלקא הלוי הורוויץ** זצ"ל
אב"ד לעבערטוב

תרט"ו — הג"ר **יהודה לייבוש** ב"ר **זאב** זצ"ל
מאושוואר

תרי"ז — הג"ר **שמואל נחום** ב"ר **קהת הלוי גאסטענבויער** זצ"ל
אב"ד ליזענסק - היכלי שן

תרמ"ח — הג"ר **מנחם מענדל** ב"ר **שמעון הלוי מארילוס** זצ"ל
מיערוסלוב

תרע"ה — הג"ר **נחום** ב"ר **אליעזר בראנדוויין** זצ"ל
מבורשטין - אמרי טוב

תרפ"ד — הג"ר **ישראל יעקב יוקל** ב"ר **שמואל טייטלבוים** זצ"ל
מוואלאווא

תש"א — הג"ר **חנוך העניך** ב"ר **שמחה ראובן** זצ"ל
מווילנא - מרחשת

תש"ב — הג"ר **אברהם יעקב** ב"ר **שמואל הלוי הורוויץ** זצ"ל
צור יעקב

תש"ד — הג"ר **הלל** ב"ר **משה מאיר הכהן שטיינער** זצ"ל
אב"ד אילאק

תשמ"ג — הג"ר **יוסף** ב"ר **מרדכי גאלדמאן** זצ"ל
אדמו"ר מזוועהיל

זכותם תגן עלינו ועל כל ישראל


יזכרם

זכרון שמות הנעדרים
שלא הניחו אחריהם זש"ק
נא להדליק נר וללמוד משניות וכדו' לעילוי נשמתם

**ט"ו אלול**

אהרן ב"ר ישראל • הב' אהרן ליב ב"ר שמואל צבי (גרינפעלד) – תרע"ה [אונגוואר, אוקריינא] • הילד בנימין יצחק ב"ר מרדכי הלוי – תשל"ו [שיכון סקווירא] • ר' גרשון ב"ר איסר (שווארץ) – תש"א [וואשינגטאן נ.י.] • הב' דוד ב"ר יחיאל (האנדלער) – תרצ"ט [מיהאלאוויץ, סלאוואקיי] • הב' יהודא ב"ר דוב (מארקאוויטש) – תרח"צ [אונגוואר, אוקריינא] • הילד יצחק מנחם ב"ר יוסף אהרן – תשי"ג [NJ חל' חוסט] • הב' ישעי' ב"ר יעקב (ליכטנשטיין) – תרפ"ה [יוניאן פיעלד] • ר' ישראל ב"ר משה אליעזר ארי' (פעלדמאן) – תשמ"ה • הב' ישראל אייזיק ב"ר אברהם (אנשטענדיג) – תרפ"ו [דאנארא פענס. חל' אוהב שלום] • הב' ישראל לייב ב"ר יעקב קאפל – תרע"ד [פיעטרקוב, פוילן] • מנחם מענדל ב"ר יצחק אייזיק (שטארק) – תרפ"ה [באפעלא, אהבת שלום] • משה אלימלך ב"ר שמשון הלוי – תשמ"ג [NJ חל' מעזיבוזש] • הב' פתחי' ישראל ב"ר צבי – תשע"א • הילד שמואל ב"ר מרדכי יעקב (פרענקל) – תרס"ב [ווראנוב, סלאוואקיי]

מרת ברכה ב"ר שמואל בנימין (פאללאק) – תשס"ב [NJ חל' סאטמאר] • הבתולה גיטל לאה ב"ר מאיר הערץ (גרין) – תש"ה [בודאפעסט] • הבתולה הינדא ב"ר מרדכי אלי' (שוויי) – תש"ב • הבתולה חי' ב"ר מנחם מענדל (פרידמאן) – [חוסט, אוקריינא] • הבתולה חי' גאלדא ב"ר דוד (רויזנער) – תרצ"ד [סיגוט, רומעניא] • מרת חנה ב"ר יוסף (בעק) – תש"ז [SI חל' מונקאטש] • הבתולה לאה ב"ר מאיר הערץ (גרין) – תש"ה [בודאפעסט] • הילדה לינה ב"ר חיים (בוים) – תרמ"ו [ווערעשוואר, אונגארן] • הבתולה מרים ב"ר יצחק הלוי (לייסנער) – תרצ"א [אונגוואר, אוקריינא] • הילדה מרים לאה ב"ר שמעון (מאנדעל) – תרמ"ח [קאלוב, אונגארן] • הבתולה ציפא ב"ר יהודא (קניענסקי) – תרע"ג [וואשינגטאן נ.י.] • הבתולה רבקה דבורה ב"ר נתן (בלום) – תרע"ד [מט חברון]

צו ארייגשרייבען נעמען אימעיל List@yizkereim.info



**עין הרע?**

**די השתדלות וואס איז זייער וויכטיג, עס זאל ביי אייך אלע ענינים ווערן ליכטיג.**
**אפשפרעכן עין הרע דורך בליי - לוצקין א"י - רופא 929-884-1662**



**We are seeking an experienced CEO with proven leadership and management capabilities to lead and scale a large organization. The ideal candidate must have the ability to manage large teams, make strategic decisions, take full operational responsibility, and drive accountability across all levels of the company.**

**executivefoodnj@gmail.com**

# הילולא דצדיקיא



**יארצייט פונעם טאג - ט"ז אלול - שנת תרצ"ח**
**הגאון רבי פינחס חיים הלוי איש הורוויץ ראב"ד קאסוב וגרויסווארדיין, ובעמח"ס 'פתחא זוטא' ועוד**

**געבוירן:** ח"י תמוז שנת תרי"ח

**זיין טאטע:** רבי אברהם זאב הלוי הורוויץ

**זיינע איידימער:** רבי שלמה יהודה זלמן לייב פרידלענדער. רבי יצחק אייזיק פרידלענדער. רבי ארי' לייב גאטליב.

**זיינע רבי'ס:** הגאון רבי דוב בעריש הכהן ראפאפורט, אבד"ק ראווא. ה'דברי חיים' צאנז. האדמו"ר רבי ברוך מגארליץ. ה'אהבת ישראל' מוויזניץ.

מיר האבן פאראיאר אנגעהויבן שרייבן די תולדות פון האי גאון וצדיק, וועלכער האט שוין גע'שמ'ט מיט זיין גדלות בתורה נאך אין די יונגע יארן. מיר האבן דערמאנט אז ווען ער איז געווען ניין יאר אלט, האבן זיינע עלטערן אים געשיקט קיין שינאווא, צו לערנען תורה פון הגאון רבי דוב בעריש הכהן ראפאפורט, וועלכער איז שפעטער געווארן רב אין ראווא, בעמח"ס 'דרך המלך', און ביי די זעכצן יאר אלט איז ער צום ערשטן מאל געפארן צום הייליגן צאנזער רב, און זוכה געווען צו באקומען ברכת קדשו פונעם רב.

דאס ערשטע מאל ער איז געווען אין צאנז, איז געווען אין יאר תרל"ה, און ער איז דארט געווען פסח צייט פאר עטליכע וואכן. ווי נאר ער איז אנגעקומען צוריק אהיים, האט ער שוין געהאט אזעלכע געגועים צוריק צום רבי'ן, אז מ'האט קוים געקענט פועל'ן ביי אים אז ער זאל אהיימגיין, און נישט כאפן גלייך דעם נעקסטן באן צוריק קיין צאנז. לאנג האט ער אבער נישט געקענט בלייבן אינדערהיים, און אויף קומענדיגן חודש אלול איז ער שוין צוריק געפארן קיין צאנז, וואו ער איז פארבליבן ביז נאך די הייליגע טעג.

זינט דאן איז ער געווען דבוק אין הייליגן צאנזער רב בכל נימי נפשו עד סוף ימיו, טראצדעם וואס דער צאנזער רב איז שוין יענעם יאר נסתלק געווארן, און ער האט שוין נישט געקענט קיין סאך ארייננכאפן. ווען אימער ער האט דערמאנט דעם צאנזער רב האט זיין פנים געפלאמט מיט אן אש קודש, און ער האט נישט מסיח דעת געווען פונעם רב כמעט קיין רגע, אז אויך ווען ס'איז קיינער נישט געווען ביי אים אין שטוב, סיידן די רעבעצין, פלעג ער מיט איר רעדן איבער דעם הייליגן רב, זאכן וואס זי האט שוין פיל געהערט. יעדן ליל שב"ק האט ער געלערנט גאנץ 'נעם אלימלך' און 'דברי חיים' אויף די פרשה, און וואס ער האט נישט געענדיגט האט ער משלים געווען שפעטער, ער האט אמאל געזאגט אז אין די יונגע יארן האט ער שוין געקענט גאנץ דברי חיים אויף חנוכה אויסנווייניג.

נאכן הסתלקות פונעם הייליגן רב, איז ער געווארן אדוק אינעם זוהן, דער גארליצער רב, און ער פלעגט כסדר פארן צו אים. ער איז אויך געפארן צו די אנדערע קינדער פונעם צאנזער רב, אריינגערעכנט דער שינאווער רב, רבי דוד'ל קשאנובער, און רבי אהרן דער קרייזער רב. אויך איז ער געווען ביים מיטלער בעלזער רב, בשעת די חתונה פונעם אייניקל מיט רבי ישעי'לע טשעחויבער, און ער האט מעיד געווען אז ווען דער רב איז געגאנגען מיטן חתן צום חופה האט מען געזען בחוש אז ער איז נישט אויף דעם עולם.

ווען ער איז געקומען אין די יארן פון שידוכים, איז ער א חתן געווארן מיט די כלה הרבנית שרה, די טאכטער פון רבי אלימלך שפרונג פון שטאט ליזענסק. די חתונה איז פארגעקומען ווינטער שנת תרל"ו, און רבינו זצ"ל האט זיך באזעצט אין שטאט ליזענסק. רבינו זצ"ל האט געוואוינט אויף א שטאק און זיין פענסטער איז געווען געוואנדן צום הויפט גאס אין ליזענסק, אזוי ארום האט ער זוכה געווען צו קענען פילע אדמור"ים פון פוילין וואס זענען געקומען זיך משתטח זיין אויפן ציון הקדוש, און צומאל איז ער ארויס נעמען פון זיי א ברכה, ער האט אבער נישט געוואלט ארויסגיין צו יעדן רבי'ן, צוליב זיין גרויס התמדה בתורה, און אין די עלטערע יארן האט ער חרטה געהאט פארן נישט ארויסגיין נעמען מער ברכות, "ווי נעמט מען היינט אזעלכע רבי'ס" פלעגט ער זאגן.

ער איז געזעסן אין שטוב און געהארעוועט אויף תורה בהתמדה רבה, יומם ולילה, אז ער איז כמעט נישט אריין אין קיין בעט. ער האט דאן מעלה געווען פילע פון זיינע חידושים על הכתב, און פון דאס ביסל וואס איז געבליבן, דערקענט זיך זיין גאונות.

עוסק אין מסחר. אריבער קיין ריישא. בצל רבי אלעזר ריישער. ראב"ד קאסוב. און נאך, אי"ה אין א קומענדיגן געלעגנהייט...

**זכר צדיק לברכה!**


'א די האסט
די כוחות.

מיר האבן די כוחות פאר שמירת עינים! גיי אן ווייטער, כה לחי!

עינים
מיינע טייערע אויגן | מיין אייביגער עתיד
718-977-5554



# שלום עליכם - צאתכם לשלום

א פארמאכטע וואגן, איינגאנצן פארדעקט, פארט זיך אויף די לאנגע וועגן און שטעגן. אינעם וואגן זיצן א גרופע אידן, געקליידעט ווי פשוט'ע סוחרים, אזש ס'וואלט זיך געקענט דאכטן אז זיי פארן אצינד צום יריד ערגעצוואו אויף אייזהאנדלן א גוט געשעפט.

אבער וואס אן אמת איז, אז אינעם וואגן זיצט איינער פון די צדיקי הדור, אינאיינעם מיט זיינע מקורבים. דאס איז הרה"ק רבי מרדכי דוב טווערסקי מהארנסטייפל, וועלכער איז געווען אן אור-אייניקל פונעם טשערנאבילער מגיד, און אן איידעם ביים הייליגן צאנזער רב. דער רבי פארט אצינד צו די חתונה פון זיין זוהן רבי ברוך דוד, וועלכער איז שפעטער אליינס געווען א רבי, מיט די טאכטער פון הרה"ק רבי שלמה זלמינא פון ראשקוב, אן אייניקל פון הרה"ק רבי שבתי מראשקוב. די חתונה קומט פאר אינעם שטאט האָמל.

געווען איז דאס אין א צייט וואס די רעגירונג אין רוסלאנד האט פשוט פארבאטן פאר יעדע רבי פון משפחת 'טווערסקי' ארויסצופארן פון זיין שטאט. די פארשאלטענע רשעים האבן געוואוסט אז די רבי'ס פארן ארום אין פילע שטעט, און זיי ברענגען דארט אריין א חיות אין אידישע קינדער, און זיי זענען מקרב לבבות ישראל לאביהם שבשמים, און דערפאר האט די רעגירונג דאס פארבאטן.

די רבי'ס זענען געווען געצווינגען צו זיצן אינדערהיים, און אויך דער הארנסטייפלער רבי וואלט ווען נישט ארויסגעפארן, ווען נישט ס'איז די חתונה פון אן אייגן קינד. אזוי אויך, האט דער רבי געהאט א קלער צו פארבלייבן אינדערהיים און זיך נישט באטייליגן ביי די חתונה, למעשה אבער האט מען באשלאסן אז מ'גייט יא פארן, אבער די וואגן וועט זיין פארדעקט אינגאנצן, און דער רבי מיט די פמליא וועלן גיין אנגעטון מיט פשוט'ע קליידער, און מ'וועט האלטן די נסיעה בסוד סודות, אז קיינער זאל נישט וויסן אז דער רבי קומט צו די חתונה.

געווען איז דאס אבער א סוד פאר גאנץ בראד. ווי נאר דער רבי איז אנגעקומען קיין האמל, האט שוין אפגעווארט א ריזן ציבור וואס האבן געוואלט געבן שלום. ווען דער רבי איז אראפגעקומען פונעם וואגן און געזען וואס דא גייט פאר, איז ער געווען זייער נישט צופרידן דערפון. צווישן אזא גרויסן ציבור, פעלט נישט אויס מער ווי איינער וואס זאל זיין א שלעכטער מענטש, א מסור און מלשין, וואס זאל איבערגעבן פאר די רעגירונג אז א 'טווערסקי' רבי איז דא, און דער אויבערשטער זאל אפהיטן פון די צרות וואס דאס קען ברענגען, פארן רבי'ן און פאר די גאנצע שטאט.

דער רבי האט שטילערהייט אפגעשמועסט מיט די מקורבים אז תיכף נאכן חופה זאלן זיי אויפזוכן אן אנדערע וואגן מיט א בעל עגלה פון דא און שטאט, און בסוד סודות וועט מען באלד אהיימפארן.

מ'האט זיך טאקע געהאלטן צום פלאן, און תיכף נאכן חופה איז דער רבי אנטרינען פון שטח, אריין אינעם וואגן. דער בעל עגלה איז שנעל ארויסגעפארן פון שטאט, און איז באלד אריינגעפארן אין וואלד. קיינער פון די אנוועזנדע האט נישט געקענט דעם וועג און קיינער האט נישט באמערקט אז דער בעל עגלה פירט זיי בכלל נישט אויפן וועג אהיים.

הערשט נאכן פארן א שטיק צייט, האט דער וואגן זיך געגעבן א האסטיגן שטעל אפ. דער בעל עגלה איז אראפ געגאנגען פון די פערד, און איז אריינגעקומען אינעם וואגן, און ער האט געוואנדן זיינע רייד צום רבי'ן, "הער מיר גוט אויס רבי, איך בין בכלל נישט קיין בעל עגלה, נאר איך בין א רויבער! איך נעם מענטשן אויף מיין וואגן, איך פיר זיי אריין אין וואלד, און דאן באראבעווע איך פון זיי אלצדינג וואס זיי פארמאגן", א שרעק איז באפאלן אלע אנוועזנדע, ווען נאר דער רבי אליין האלט זיך רואיג, בשעת דער אידישער רויבער נעבעך איז ממשיך זיינע רייד, "אצינד אויב איז דער רבי מסכים מיר צו געבן א ברכה אז פון היינט און ווייטער וועל איך אלעמאל מצליח זיין אין מיינע רויבערייען, דאן וועל איך אייך אהיימפירן און גארנישט טון, אויב אבער וועט דער רבי מיר נישט געבן קיין ברכה, דאן קענט איר אלע שוין אנהייבן זאגן ווידוי!".

מיטן גאנצן רואיגקייט האט דער רבי רעאגירט, "א ברכה ווילסטו? איך הער, אבער צום ערשט וויל איך דיר דערציילן א מעשה וואס האט פאסירט ביי מיין הייליגן זיידן, דער רבי ר' זושא פון האניפאלי".

*******

האט פאסירט איינמאל, ווען מיין הייליגע זיידע, דער רבי ר' זושא האט געמאכט דעם לאנגן וועג צו זיין רבי'ן, דער גרויסער מגיד פון מעזריטש, אבער ווי נאר ער איז אנגעקומען און ער איז אריין שלום נעמען ביים מגיד, האט דער מגיד אים געגעבן די האנט און געזאגט, "שלום עליכם און צאתכם לשלום". דער רבי ר' זושא האט נישט פארשטאנען וואס דא גייט פאר, ער איז דאך הערשט ממש יעצט אנגעקומען, און שוין שיקט מען אים אהיים.

אבער, ער האט געוואוסט זייער גוט אז אויפן רבי'ן פרעגט מען נישט קיין קשיות, און ווי פארמאטערט ער איז נאר געווען פונעם לאנגן וועג, האט ער נישט געזעגערט, נאר געלאזט וויסן פארן בעל עגלה, אז מ'דרייט זיך באלד אויס, און מ'פארט צוריק אהיים.

געווען איז דאס א פראסטיגע שטורמישע קאלטע ווינטער נאכט, ווען דער רבי ר' זושא האט זיך געלאזט אין וועג אריין. דער וועג איז געווען גאר א שווערע, און ווי נאר זיי זענען אריינגעפארן אין וואלד, האט זיך נאך אראפ געלאזט א מאסיוון שניי, וואס האט זייער פארשווערט דעם וועג, אז קוים וואס מ'האט געקענט זען א טריט פאראויס. דער בעל עגלה האט שנעל איינגעזען אז אהיים וועט מען שוין נישט פארן, ער האט נאר געהאפט אז ער וועט טרעפן דא ערגעץ א פלאץ וואו צו קענען נעכטיגן ביז אינדערפרי.

מ'פארט אהין און מ'פארט אהער, מ'בלאנדזשעט נאר מער און מער, און קיין שיין פון לעכטיגקייט זעט זיך נישט אן אויפן האריזאנט. ענדליך נאך א לענגערע צייט, זעען זיי פונדערווייטנס עפעס א הייזקעלע וואו ס'ברענט א לעכט. דער בעל עגלה האט אנגעהויבן אהינפארן.

אנקומענדיג נענטער האבן זיי שוין אנגעהויבן צו הערן גערודער, ווי מענטשן רעדן און לאכן, און נאך איידער זיי האבן עספיעט צו כאפן וואס דא קומט פאר, זענען זיי איבערגעפאלן געווארן דורך א גרופע רויבער, ליידער אידישע קינדער, וואס האבן זיי געפירט צו זיך אין שטוב.

די רויבער האבן באלד דערקענט אויפן רבי'ן רבי זושא, אז דאס איז א רבי און א הייליגער איד, האבן זיי אים אריינגענומען צו זיך אין שטוב, וואו זיי האבן אנגעגרייט א גאנצע סעודה, און געזעצט דעם רבי'ן אויבנאן.

נאכן ענדיגן זיך אנפרעסן און אנזויפן האבן זיך די רויבער געוואנדן צום רבי'ן און אים געזאגט, "דער רבי ווייסט דאך זייער גוט וואו ער איז דא אריינגעפאלן און וואס אונזער 'פרנסה' איז, אצינד האט דער רבי איינער פון צוויי ברירות, אדער זאל דער רבי אונז געבן א ברכה אז מיר זאלן מצליח זיין ווייטער אין אונזער רויבעריי, און אז נישט וועלן מיר דעם רבי'ן תיכף אומברענגען".

באלד האט דער רבי ר' זושא פארשטאנען פארוואס דער גרויסער מגיד האט אים תיכף אפגעזעגנט, און ארויסגעשיקט אויפן וועג, און דער רבי האט געענטפערט פאר די רויבער, "הערט אויס, וואס וועט איר דען האבן פון מיר אומברענגען? איך האב דען עפעס געלט דא וואס זאל אייך צופרידן שטעלן? איך בין דאך אן ארימאן, איך פארמאג כמעט גארנישט. איך וויל ענק געבן א בעסערע עצה, דא גייט באלד פארביי פארן א גרויסע פרעכטיגע וואגן, צוגעבינדן צו אפאר געזונטע פערד, און דערין וועט זיין א גאר רייכער פריץ, וועלכער איז שוין זייער אלט און קראנק, אז ער גוסס'ט שוין".

"דער פריץ איז רייך ווי קרח, און אין זיין וואגן האט ער א ריזן אוצר מיט געלט און דיאמאנטן, אז פון דעם אוצר קענט איר אלע לעבן בריוח פאר לאנגע יארן. איר וועט אויך נישט דארפן עובר זיין אויף רציחה און אומברענגען דעם פריץ ווייל ער האלט שוין סיי ווי אט ביים שטארבן. אויב אזוי, איז דאס אצינד א גוטע געלעגנהייט פאר ענק, אריבער צו מישן דאס בלאט און אנהייבן פון פריש, תשובה טון און אנהייבן לעבן ווי נארמאלע מענטשן".

דער רבי איז ממשיך זיינע רייד, "אויב וועט איר אננעמען מיינע ווערטער, און זיך אפלאזן פון אייער 'פרנסה', דאן זאג איך אייך צו אז איר וועט מצליח זיין אין לעבן, אויב אבער וועט איר ממשיך זיין מיט די שלעכטע מעשים, זאלט איר וויסן אז די רעגירונג וועט אינגיכן ארויפגיין אויף אייערע שפורן, און געבינדענע אין קייטן וועט מען אייך פירן, פארנט פון מיין הויז, אויפן וועג אין טורמע אריין!".

די ווערטער פונעם רבי'ן רבי זושא זענען טאקע געווען מקויים געווארן. די רייכע וואגן מיטן פריץ דערויף זענען געקומען צו פארן, און די רויבער האבן טאקע גענומען דעם גאנצן אוצר וואס איז דארט געווען, ווען קורצלעך דערנאך איז דער פריץ געשטארבן.

טייל פון די רויבער האבן געפאלגט דעם רבי'נס ווערטער, און זיי האבן טאקע מצליח געווען. טייל אבער, זענען געבליבן ביים אלטן, און ממשיך געווען מיט די רויבעריי. ס'האט נישט געדויערט לאנג ביז מ'האט זיי געכאפט, און געפירט אין תפיסה, דורך דעם רבי'נס הויז, גענוי ווי ער האט פאראויס געזאגט.

*******

"איך קען דיר נישט ברענגען קיין אלטן פריץ מיט א גרויסן אוצר", האט דער הארנסטייפלער אויסגעפירט זיינע ווערטער צום רויבער, "אבער דאס קען איך דיר יא זאגן, אז אויב וועסטו זיך אפלאזן פון דיינע שלעכטע מעשים, און דו וועסט תשובה טון, דאן וועט דיר גוט זיין, אויב אבער וועסטו ממשיך זיין צו ראבעווען און רצח'נען, דאן וועט דיין ענדע זיין גאר ביטער, א שווארצן און ביטערן סוף ווארט דיר אפ".

"אצינד קענסטו טון מיט מיר וואס דו ווילסט!"

דער רויבער איז געבליבן שטיין געפלעפט, ער האט דאס בכלל נישט ערווארטעט. די פייערדיגע ווערטער פונעם רבי'ן, זענען אים גוט אריין אין די ביינער, און ער האט זיך נישט געקענט עפענען דאס מויל פון גרויס בושה.

פלוצלינג האט ער אויסגעפלאצט אין א ביטערן געוויין, ער איז געפאלן דעם רבי'ן צו די פיס, און אים געבעטן א דרך התשובה.

ס'איז נישט אריבער קיין לאנגע צייט ביז ווען דער 'בעל עגלה' איז געווארן אן אנדערע מענטש, ער האט אפגעלאזט זיינע אלטע מעשים און געווארן א פולשטענדיגע בעל תשובה, ביז ער איז געווארן פון די פייערדיגע חסידים פונעם הארנסטייפלער רבי'ן, און מ'האט אים גערופן 'דער בעל תשובה פון באברויסק'.

# Real Estate

Rentals

| Location | BDR | BTH | Details | |
|---|---|---|---|---|
| near oak and vine | 1 | 1 | very nice, suitable for chussen kallah, quiet block | 347.514.4293☎💬 |
| 15 ENGELBERG TERRACE | 5 | 2.5 | Beautiful upgraded totally renovated house available immediately, 2 car garage, Rent $3800, Utilities not included, Brook hill location | 848-342-9693💬 |
| Finchley/ Hearthstone | 1 | 1 | New btfl upgraded furn chosson/kalla apartment in Hearthstone near O&V, W/D, ground floor, large windows, Available mid-November. | 732.606.2242 ☎ |
| The 70 | 3-4 | 2 | Brand new gorgeous basement, available mid Nov- $1800/$2000 | 732.730.4074☎💬 |
| 55+ | 2.5 | 2 | Magnificent House available for rent in Heimeshe Over 55 Community in Lakewood, right next to Shuls and all Facilities | 732-474-8632 ☎💬 |
| OAK & VINE | 4 | 2 | Upgraded quiet basement, newly renovated $2000 | 718.682.2598 x 1 ☎💬 |


"The Heating Cooling Doctor"
The Best in The Business for Repair of Every Type Of Air Condition - Central Ac - Mini Splits Etc.
Thermostats - Water Heater - Tankless Systems
Call 24 hours: 646-820-0196
The Heating Cooling Doctor

"The Commercial Refrigeration Doctor"
The Best in The Business for Repair of Every Type of Commercial-Refrigerator-Freezer-Walk In-Reach In-Merchandise Display - Ice Machines
Call 24 hours: 929-486-1587

מען קען רופן דער בית הוראה טעלעפאן ליין לעניני רבית
יעדער טאג פון 8:00 צופרי ביז 12:00 ביינאכט
845-493-8604 RIBISHOTLINE@GMAIL.COM

Smartlist
The Premier Jewish Phonebook
Available on all App Stores



די בארימטער היימישע אידישע היים
דירעקטארי עפפ שטעלט צו סערוויסעס פאר
איבער 25 היימישע שטעט איבער די גאנצע
וועלט. איז אייער פאמיליע געליסטעט אויף
סמארט ליסט ? רופט יעצט
848-224-9395 smartlistapp.com 800-530-4296

# Commercial

Rentals



| Location | Size | Details | Contact |
|---|---|---|---|
| EGG HARBOR TOWNSHIP, NJ 08234 | 20,000 – 80,000 SF AVAILABLE | BEAUTIFUL WAREHOUSE SPACE AVAILABLE! ONLY 45 MINUTES FROM LAKEWOOD! ONLY $6.50 /SF CALL TODAY FOR DETAILS & SHOWING | 347-537-2004 ☎ eggharborware-house@gmail.com |
| CROSS / RIVER | Rooms | A few offices available for rent at VERY LOW PRICE . Basement, men only, wifi and util incl lv msg $200 /$300/$400 | 848.373.9766 ☎ 347.563.8039 ☎ |
| CENTRALLY LOCATED ON AIRPORT ROAD | Warehouse | large FULLY RACKED warehouse with offices avail to rent from June 1st with option of dividing to smaller spaces | 732.503.3484 |
| INDUSTRIAL PARK | SINGLE/DOUBLE OFFICE | private single/ double offices available all inclusive pricing. | 732.330.9412 |


מכון תורת שמואל דהוסט

דערהייבט אייער נפש מיט די פלאמפייערדיגע דרשות

פונעם פום ממלל רברבן

כ"ק מרן אדמו"ר מהוסט רבי שמואל שמעלקא לייפער זצוק"ל

א רייכע אוצר מיט דרשות ושיעורים אויף אלע ענייני עבודת ה' ושמחת החיים

605-313-6802

נתפרסם לע"נ כ"ק מרן רבינו שמואל שמעלקי בן ר' אהרן משה זצ"ל

צו נעמען א חלק אין די זיכוי הרבים רופט: 347.949.2066

BRAUDE INJURY LAWYERS



געווארן געשעדיגט?

מאכט זיכער איר זענט אין די ריכטיגע הענט

CAR ACCIDENTS

BIRTH INJURIES

MEDICAL MISTAKES

MISDIAGNOSIS

SLIP & FALL

WORK INJURIES

MANY MULTI-MILLION DOLLAR SETTLEMENTS

THE TRUSTED NAME FOR 40 YEARS

רופט יעקב ברודי

732.696.7888

JS JUDAICA SQUARE

LIMITED-TIME SALE

$10.99

250+ SELECT COMICS

COMIC BOOK BLOWOUT

Buy 10, get 1 free on select comics — no code needed

Shop 250+ selected English & Yiddish comic titles

SHOP THE SALE →




Free shipping $75+ · Ships from Lakewood · 15-day returns

## MELAMED OPPORTUNITY

Out of town community (6 hours by plane) is looking for a melamed in a heimishe mosed, must move there minimum 6 years, must know english, Great pay
For serious inquiries only
Call: 917-543-3845 and leave msg

## פריוואַטער לערער

א אינגערמאן איז גרייט צי לערנען מיט אייער בחור אין די שעות פון נאכמיטאג. פון זינטאג ביז פרייטאג אין בהמ"ד אדער ישיבה.
ביטע ריפט 845-996-8610
, email jositsko@gmail.com

## SERVICES

## KEYBOARD PLAYER

Very professional keyboard player, reasonable rates
Call or text
7325032000

## JOB OPPORTUNITY

Looking for motivated ladies who want to earn extra money on their own schedule! Selling natural ladies' wellness products.
Call/Text (914) 510-7088
Email:office@zivvimports.com

## JOBS

## JOB OPPURTUNITY

We are seeking an experienced CEO with proven leadership and management capabilities to lead and scale a large organization. The ideal candidate must have the ability to manage large teams, make strategic decisions, take full operational responsibility, and drive accountability across all levels of the company.
executivefoodnj@gmail.com

## ABA PARA POSITIONS AVAILABLE!

Work one-on-one with children and make a meaningful impact.
Male Openings:
Morning hours
After-school hours and weekends
Female Openings:
Afternoon hours
Evening hours and weekends
Contact: 732-399-0001 ext. 415
jobs@triumphaba.com

## B"M PHOTOGRAPHY

**Bar Mitzvah Photography**
Reasonable pricing
**Call/Text: 347.694.7274**

## CAR SERVICE

**Shaye's Transportation**
EWR - $130 JFK/LGA-$220
BP/Flatbush - $180
Monsey - $160
English, Hebrew, Yiddish
**Call/Text/WA 917.494.4823**


# $7 Hire A Full–Time Remote Employee For $7 An Hour

That's a full time Overseas Employee for **$280 a week**

Loved by: **1000+** Satisfied clients

✓ Customer Service ✓ Bookkeeping ✓ Data Entry ✓ Architecture ✓ Property Management ✓ Amazon Assistance ✓ Collections ✓ Real Estate

No hidden fees. No lock-in contracts.

HIRING4LESS™ 848.986.6055 | HIRING4LESS.COM


## USPS FOREVER STAMPS

Inspected and tested by USPS $40 per 100 (Min. 300)
Reach out for discounted prices on larger quantities.
Email: greatdeals4cheap1@gmail.com
SMS/LV MSG: 718-594-8502
FREE SHIPPING! WE PRICE MATCH! we accept CC!

## MISC

## ישיבה

אויב איז אייער בחור נאך נישט
מסודר מיט ישיבה גדולה עזר לבחור
איז דא אייך צו באגלייטען אנצוקומען
צו די ריכטיגע ישיבה
ביטע רופט 646-481-1202

## FLORIDA PRIVATE VACATION VILLA

Boynton Beach, 4 bedroom, Luxury rental,
completely renovated, Kosher kitchen, Private pool
Call/text 347-645-6200
3 houses next to each other for family gatherings. also available for sukkos

## VACATION RENTALS

## HUDSON COUNTY NJ REAL ESTATE

Do you have Property in Jersey City, Union City, North Bergen, Bayonne etc. YES we are selling in TODAYS MARKET! Heimishe Real Estate Agent selling for over 21years.
Call 201.429.7226 Burech

## ישיבה משיב דבר

לבחורים המבקשים
להחיות נפשם
בעסק התורה.
917-806-8075

## MONSEY RENTAL

Heart of Monsey
private 5 bedroom house
fully furnished avail. for
Weekends/Tishrei
Call: 917-384-6366

## RETURN INVENTORY

Online sellers, are your returns piling up and costing you money? We help you recover lost value by selling your returned inventory. No sorting, listing, or dealing with buyers — we handle the process from start to finish. Our simple commission-based service is reliable, hassle-free, and built on trust. Turn forgotten returns into revenue today!
call/text 646-854-4920
email returnsnj@gmail.com

## דירה אין ירושלים

א דירנ אין די צענטער פון גאולה
איז אוועילעבל פאר א קאפל פאר
חודש תשרי
רופט:
011972-5567-89417

## שלום בית

**יונגערמאן!**
פילט איהר אז אייער ווייב פארשטייט אייך נישט?
האלט איר חלילה נאנט צו א גט?
עס איז פאראהן עצות על פי תורה בעהשי"ת.
רופט יוסף ח. היימפעלד - 732.330.0263

## אספקלריא

תורת החסידות לערנט אונז די עבודה פון
אלול תשרי ,מאכט לעכטיג די דברי חז"ל
מה הוא " חודש אלול" מיסודו ,יותר
מאלפיים שנה?
רופט אספקלריא
18459994949 דריקט 4 דערנאך 236

## דירות אין ירושלים

פארט איר קיין ארץ ישראל און איר
זענט נאכנישט מסודר מיט א דירה?
מיר האבן דירות אין אלע געגענטער
אלע סייזעס פאר אלע פרייזן,
רופט: 9295688844
0527188660
t0527188660@gmail.com

## NEUROFEEDBACK

Clinical studies and specialised clinics report the following approximate effectiveness rates for these common conditions:
* PTSD & Trauma: 80% - 95%  * Anxiety & Panic Disorders: 80% - 90%
* ADHD / ADD: 75% - 85% * Insomnia & Sleep Issues: 80% - 85%
* Clinical Depression: 70% - 80% *Autism Spectrum Disorders 60% - 75%
Adding Neurofeedback to standard physical therapy results in noticeable improvements for 70% to 85% of patients
For additional information Call 419-750-4046

## שבת / וואכנטעג אין סקווירא

New Square: Beautiful 4 Bedroom apt avail. for Shabbes for rent or for weekdays
also 1 bedroom suite for rent.
Close to the shul.
Call/Text/Vm 845.641.9217


# צעטליך

אויפהענגען?

TMG
הענגט אין אלע אידישע
געגנטער אין אמעריקא

בתי מדרשים, קאנטראקשאן, פאבליק פלעצער

718.925.2300 #103 | info@tmgmediany.com



# There's a 5.0 ★★★★★ reason



# Why you keep seeing work everywhere

Ads. Logos. Greetings. Mazal tovs. In Yiddish or English. Modern or Chassidish.

**Done right.**

רופט נאך היינט צו דורכשמועסן אייער פראיעקט!

**LuachHatzibur** Design

**718.303.4300 #109** • design@luachhatzibur.com